בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס י"ח, פרשת ואתחנן - עקב, תשע"ח

# תוכן השיעור

**'שפה ברורה'**

**'פארבענדעווען דאס עסן'...**

**ר' געצע ז"ל מאומאן**

**'שלשת שרי פרעה'**

**'העיקר הוא ההתחלה'**

**'לקשט' את האמונה!**

**'אמונת ההשגחה'**

**געארבעט אומזינסט און געגעסן אומזינסט!...**

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו
**(+1)-641-715-3800** ואחר כך **#718920**
לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **118**
נספח; סדר אמירת יום כפור קטן ע"י הרה"ח ר' לוי יצחק ז"ל **1181**

©
כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא
וזכות הרבים תלויה בו

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# ~ טבת, שנת תשל"ד ~

## - מתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ב -

(טייפ מס' 8#)

## 'שפה ברורה'

מתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תורה ס"ב, אות ד';[א]

**- - - ולהשלים את האמונה, היינו לקרב את הרחוקים כנ"ל, צריך מתחילה להעלות ניצוצי אותיות הדיבור, וכשנתבררו אותיות הדיבור - אז דער דיבור ווערט מבורר, און נעמט עס ארויס פון זיי, איז דער דיבור אליין קערט זיך אום צו זיי, ומלקט הניצוצות הקדושה מבין הקליפות - בלייבן די קליפות אָן חיות, ואז העכו"ם שיניקתם מהקליפות - אז זיי זעהען אז זיי האבן נישט קיין חיות, ווארפן זיי אוועק זייער אמונה!**

אז מען רעדט דיבורי 'יראת שמים' דאס איז 'דיבורים זכים'[ב], אבער 'דיבורים שאינם זכים' - אויב נישט קיין 'תורה ותפילה', (נאר) דיבורי 'רשות' - 'דיבורים שאינם זכים כל כך' - האבן זיי א 'יניקה'!

---

[א] ונעתיק כאן מקצת לשון קדשו הנצרך כאן להבנת הענין:

(אות ג') וְעִקַּר שְׁלֵמוּת וְקִשּׁוּטֵי אֱמוּנָה, הַיְנוּ לְקָרֵב דַּיְקָא הַמְרֻחָקִים, בְּחִינַת (צְפַנְיָה ג): "לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", אֲפִלּוּ עַכּוּ"ם יִקָרְבוּ לֶאֱמוּנוֹת יִשְׂרָאֵל, וּלְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד.

(אות ד') וּלְהַשְׁלִים אֶת הָאֱמוּנָה, הַיְנוּ לְקָרֵב אֶת הָרְחוֹקִים כַּנַּ"ל, צָרִיךְ מִתְּחִלָּה לְהַעֲלוֹת נִיצוֹצֵי אוֹתִיּוֹת הַדִּבּוּר. וּכְשֶׁנִּתְבָּרְרוּ אוֹתִיּוֹת הַדִּבּוּר, אֲזַי הוֹפֵךְ אֶת עַצְמוֹ הַדִּבּוּר, וּמְלַקֵּט הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה מִבֵּין הַקְּלִפּוֹת, וְנִשְׁאָרִים הַקְּלִפּוֹת בְּלֹא חִיּוּת. וְאָז הָעַכּוּ"ם שֶׁיְּנִיקָתָם מֵהַקְּלִפּוֹת, כְּשֶׁרוֹאִים שֶׁאֵין לָהֶם חִיּוּת, אֲזַי מַשְׁלִיכִים אֶת אֱמוּנָתָם, בְּחִינַת (יְשַׁעְיָה ב): "בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם אֶת אֱלִילֵי כַּסְפּוֹ וְאֶת אֱלִילֵי זְהָבוֹ", וּמַדְבִּיקִים אֶת עַצְמָם לֶאֱמוּנַת יִשְׂרָאֵל. וְזֶה בְּחִינַת (שָׁם בִּצְפַנְיָה): "אָז אֶהְפֹּךְ אֶל הָעַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה". 'שָׂפָה בְרוּרָה', הַיְנוּ הַדִּבּוּר שֶׁנִּתְבָּרֵר מִבֵּינֵיהֶם, הוּא הוֹפֵךְ אֶת עַצְמוֹ אֶל הָעַמִּים, כְּדֵי לְלַקֵּט מֵהֶם שְׁאָרֵי נִיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה. וְאָז נִתְקַיֵּם: "לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", שֶׁיִּדְבְּקוּ כֻּלָּם בֶּאֱמוּנַת יִשְׂרָאֵל:

זאגט דער רבי פריער, דארף מען מעלה זיין - ארויסנעמען דער דיבור פון זיי, און דער דיבור אליין קערט זיך אום צוריק צו זיי, און נעמט שוין ארויס פון זיי די אלע נצוצי הקדושה וואס זיי האבן יונק געווען, בלייבן זיי איבער אָן חיות, און אז זיי בלייבן אָן חיות - ווארפן זיי אוועק זייער אמונה! **בחינת ביום ההוא ישליך האדם את אלילי כספו ואת אלילי זהבו!**

*

עס ווערט געבראכט אין ספרים, אז אמאל איז געווען 'עבודה זרה ממש', אידן האבן געדינט עבודה זרה, געוואלדיג - עבודה זרה געווען! היינט איז קיין עבודה זרה נישט דא, אבער מיר גיבן א כח דער עבודה זרה - זאגט דער רבי דא - דורך 'פגם הדיבור'! דורך 'פגם הדיבור' האבן זיי א יניקה - מאכן מיר שטארק די עבודה זרה!

כאטש מיר אליין האבן נישט קיין עבודה זרה היינט, אבער מיר מאכן שטארק זייערע - ביי זיי ווערט שטארק די עבודה זרה, ווייל זיי כאפן אריין די דיבורים צו זיך פון אונזערע דיבורים, האבן זיי א חיות דערפון, ווערט געשטארקט זייער אמונה!

און אז מען נעמט ארויס - מען איז מברר דעם דיבור, מען נעמט ארויס דער דיבור פון זיי, בלייבן זיי אינגאנצן אָן חיות, קערט זיך דער דיבור אום צו זיי, און נעמט ארויס פון זיי די גאנצע ניצוצין, ווארפן זיי אוועק זייער אמונה!

"ביום ההוא ישליך האדם את אלילי כספו ואת אלילי זהבו" - זיי וועלן אוועקווארפן זייער אמונה, "ומדביקים עצמם לאמונת ישראל", פארוואס טאקע אזוי? ווייל 'ביום ההוא' (- בעת הגאולה) וועט ווערן טאקע א 'ריינע דיבור'!

דער רבי זאגט טאקע אין א תורה[ג]; דעם דיבור דארף מען נוצן בלויז נאר פאר'ן אויבערשטן - דאס הייסט א '**שפה ברורה**', דאס הייסט א ריינער דיבור! און אז איך רעד מיט'ן דיבור 'אנדערע דיבורים', איז שוין דער דיבור נישט קיין ריינער

---

[ב] עפ"י ליקוטי מוהר"ן שם להלן אות ה'; ... וְעִקַּר יְנִיקָתָם (של הקליפות), מֵהַדִּבּוּרִים שֶׁאֵינָם זַכִּים כָּל כָּךְ...

[ג] עי' תו' ס"ו אות ג', ועוד.

דיבור! האבן זיי שוין א יניקה! (אבער) לעתיד וועט דאך זיין א 'שפה ברורה', אז ס'וועט זיין א שפה ברורה - וועט דער דיבור ארויסנעמען פון זיי אינגאנצן דאס חיות, וועלן זיי בלייבן אָן חיות, זיי וועלן אוועקווארפן די עבודה זרה'ס.

וזה בחינת אז אהפוך אל העמים שפה ברורה, 'שפה ברורה' היינו הדיבור שנתברר מביניהם! ער אליין (- הדיבור) וועט זיך אומקערן צו זיי - צו די עמים, כדי ללקט מהם שארי ניצוצות הקדושה, ואז נתקיים 'לקרוא כלם בשם ה'', - אלע וועלן רופן נאר בשם ה', דאס הייסט דער שלימות הדיבור, 'שידבקו כולם באמונת ישראל'.

'אז אהפוך שפה ברורה', דער רבי טייטשט; דער 'שפה ברורה' וועט זיך אומקערן צו זיי! אז ביי אונז וועט ווערן א 'שפה ברורה' - וועט זיך די 'שפה ברורה' אומקערן צו זיי, און וועט ארויסנעמען פון זיי אינגאנצן דאס חיות!

דערפאר טאקע ווערט געבראכט, אז דער עיקר דין וחשבון - גאר דעם דין וחשבון פון 'פגם הדיבור' איז געוואלדיג לעתיד! 'דיבור' איז א געוואלדיגער דין וחשבון - פארוואס מען איז פוגם אינעם דיבור!

'גדולים' 'גדולים' - עס ווערט געבראכט אז ס'קומט צום ענין פון דיבור איז געוואלדיג - האט מען מורא!

אזוי מאָנט מען דעם דיבור דארט - אז מען איז פוגם אינעם דיבור! פארוואס? פון 'דער' תורה! פארוואס טאקע? ווייל פון פגם הדיבור האבן זיי א יניקה! עס ווערט געשטארקט די גאנצע עבודה זרה - ווערט געשטארקט דורך פגם הדיבור! אז מיר זענען פוגם אינעם דיבור, ווערט געשטארקט זייער עבודה זרה!

*

# 'פארבענדעווען דאס עסן'...

(אחד שואל; בעל פה האט דער רבי עפעס נישט אזויפיל גערעדט פון די זאכן - 'פגם הדיבור' 'פגם האכילה', נאר גערעדט דער עיקר פון פגם הברית?)

פארוואס נישט?! אזוי פיל תורות איז דא, די תורה מ"ז - רעדט דער רבי געוואלדיגע לשונות וואס ווערט פון 'תאות אכילה'! אסאך תורות איז דא פון רבי'ן אויף תאות אכילה!

נאר דער רבי האט אנגערופן דעם תיקון הכללי (בשם) "כללי"! דער רבי זאגט[ד] אז ס'איז דא אזעלכע 'מקומות צרים ודקים', וואס דארט קען נישט האבן קיין שום תיקון, ממילא פאלט אויך אריין א תיקון (- על ידי התיקון הכללי, עיי"ש), ממילא איז עס א כלליות'דיגע זאך, אבער יעדע תורה - ס'איז דא תורות וואו דער רבי רעדט פון תיקון האכילה, א קלייניגקייט??!

(השואל; אבל העובדים הדגישו בדרך כלל - 'היטן די אויגן', אויף דעם האבן זיי געלערנט דער עיקר?) איך האב געזעהן, אז זיי האבן געגעסן זייער 'געוואלדיג' - געוואלד געווען - מיט 'יראת שמים', א געוואלד געווען! מיט 'מתינות'!

דער עיקר דארף מען עסן מיט א מתינות! דער רבי האט געזאגט[ה]; 'אז מען זאל עסן אזוי ווי ס'זיצט א גדולביים טיש'! אז ס'זיצט א צדיק ביים טיש, וועל איך עסן (בהלעטה)?! איך וועל עסן מיט א (יראה)!

דער רבי האט אנגעכאפט - נישט נאר די שלימות תיקון האכילה, (נאר) ער האט געזאגט אז 'מען זאל עסן מיט דרך ארץ אזוי ווי ס'זיצט א גדול ביים טיש'! און נאך א זאך איז דא ביים רבי'ן;[ו] 'מען זאל נישט פארבענדיוועט מיט'ן עסן'! 'פארבענדיוועט' הייסט - נישט זאגן קיין שום חסרון אויף עסן, מען האט דערלאנגט א מאכל צום טיש, (נישט זאגן) ; ס'טויג נישט, דו דארפסט נישט, ס'טויג נישט, ס'טויג נישט! אז מען האט דערלאנגט - 'עס'! נישט זאגן קיין שום חסרון אויפ'ן עסן!

דאס איז אויך א ענין - דאס איז נאך אלץ נישט דער שלימות, דאס איז אלץ 'הכנות' וואס קען ברענגען צו א שטיקעלע ערנסטקייט פונעם עסן!

פון דעם מאכט זיך א קריגעריי, דאס עסן טויג נישט, זי קאכט נישט גוט, ס'טויג נישט, גיי - ס'האט נישט קיין טעם מיין עסן!... - דאס איז 'תאוות אכילה'! "נישט פארבענדיוועט מיט'ן עסן"! וואס מען גיבט זאלסטו עסן!

*

[ד] ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט.

[ה] עי' חיי מוהר"ן אות תקט"ו: הִזְהִיר שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל בְּהַלְעָטָה הַיְנוּ בִּמְהִירוּת כְּדֶרֶךְ גַּרְגְּרָן, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית כ"ה), "הַלְעִיטֵנִי נָא", רַק לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ לֶאֱכֹל בִּמְתִינוּת בְּיִשּׁוּב הַדַּעַת וּבְדֶרֶךְ אֶרֶץ, כְּדֶרֶךְ שֶׁאוֹכְלִין בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּשֶׁיּוֹשֵׁב אָדָם חָשׁוּב עַל הַשֻּׁלְחָן, כָּךְ יֹאכַל תָּמִיד אֲפִלּוּ כְּשֶׁאוֹכֵל לְבַדּוֹ.

[ו] עי' אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות א', ושיש"ק ב' י"ב.

# ר' געצע ז"ל מאומאן

(אחד שואל אם ידוע לו סיפור על ר' געצע, שאם נתנו לו לאכול פחות מהרגלו, אמר שמסתמא הוא תיקון מיוחד מרבינו ז"ל היום -), איך ווייס אז ר' געצע איז געווען א גרויסער ארימאן, איך געדענק אמאל א ווינטער האבן מיר געגעסן ביי איהם שבת אלע (בחורים), ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, מיר זענען געווען אפשר צוואנציג בחורים, מיר האבן געגעסן ביי איהם שבת, האבן מיר אריינגעגעבן דארטן פיש פלייש, חלה, האבן זיי געגעסן שבת, האבן זיי אויך געגעסן שבת, זי האט עס געקאכט, און זי האט אויך געגעסן, האט זי אויך געהאט שבת, דאס איז געווען די זאך - ר' געצע זאל האבן אויף שבת!

א 'ווינטער' געגעסן שבת ביי איהם אין שטוב, ער האט קיינמאל נישט געהאט אויף שבת, ממילא אז מיר האבן דארט געגעסן שבת, האט ער שוין געהאט אויף שבת!

אוי איז געווען זיינע זמירות, 'א גענוואלד', זי האט דערציילט - 'אסתר'[1] האט דערציילט אז ער האט אמאל אזוי געזאגט 'שלום עליכם', אז ער האט גע'חלש'ט אויפ'ן ארט, מען האט איהם געדארפט באלד דערמונטערן, די שכנים זענען אריין, מען האט איהם דערמונטערט! מיט אזא דביקות האט ער געזאגט 'שלום עליכם', ער איז געווען א ברען, א פייער!

ר' שמשון (בארסקי ז"ל) איז געווען א שטילער, אבער ער איז געווען א ברען!

א קראנקער מענטש געווען, ער האט געליטן אויף די לונגען, ער איז דאך אוועקגעגאנגען פון די קראנקייט פון די לונגען, ער איז אלט געווען פיר און פערציג, 'מסירת נפש', 'מסירת נפש', א גענוואלד!

*

ס'איז געווען אמאל א 'הושענא רבה', האט ער אויסגעארבעט א 'הושענא רבה', ער האט געשריגן די הושענות'ס קולי קולות, קולי קולות געשריגן די הושענות'ס, אה א גענוואלד! דאס איז געווען אכט און פופציג יאר צוריק - [ר' געצע איז נפטר געווארן ע"ח].

---

[1] זוגתו של ר' געצי, בתה של ר' נחמן (פרויקעס) ב"ר אפרים בן מרת שרה בת רביז"ל.

און נאכ'ן דאווענען איז ער צוגעקומען צו מיר, ער זאגט מיר; ״לוי יצחק, איך האב נאך גארנישט אויף יום טוב - און אויף איצטער אויך נישט״! ״איך האב איצטער גארנישט וואס צו עסן, איך האב נישט אויף יום טוב גארנישט״!

- ער איז געווען א ערליכער איד, האט ער גארנישט גערעדט, א גאנצן דאווענען האט ער געשריגן, נאכ'ן דאווענען - ס'איז דאך ערב יו״ט, 'הושענא רבה' עסן א סעודה! ״איך האב נאך גארנישט אויף יו״ט - און אויף איצטער אויך גארנישט״! - אינדערפרי, נאכ'ן דאווענען האט ער מיר געזאגט!

האב איך איהם געזאגט; ״פארוואס האט איר מיר אזוי שפעט געזאגט?! ס'איז שוין קיינער נישט דא אין די שוהל'ן״?! בין איך אריינגעלאפן אין די שוהל'ן (לקבץ נדבות), איך האב געמאכט 'אביסל' געלט.

אינדערפרי קען מען מאכן מער געלט - אבער ער האט גארנישט דערמאנט קיין ווארט! א מענטש האט נישט אויף יום טוב, ער האט נישט אויף איצטער אויך נישט גארנישט, און ער האט אזוי געדאווענט, מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, נאכ'ן דאווענען זאגט ער ״איך האב נאך גארנישט אויף יו״ט״, איך בין געלאפן דארטן, געמאכט, אין איהם אריינגעטראגן.

אזא מין ארימאן געוועזן - און נישט האבן אויף יום טוב, און אזוי דאווענען! וואו איז היינט דא אז אן ארימאן ער זאל נישט האבן אויף יום טוב?! 'הושענא רבה' נישט האבן אויף יו״ט - און אזוי דאווענען! אזוי געשמאק געדאווענט, אזוי פיל קולות געגעבן, אה ס'איז א געוואלד!

[(א' מהזקנים הנוכחים שם מספר לרלוי״צ; זיין אינגל איז געווען ביי אונז א יאר צייט, ר' געצע'ס אינגל), 'פיני'? 'פיני' איז געווען ביי אייך?! (הנ״ל עונה; א יאר צייט! זיין פעטער נפתלי - אחיו של ר' געצע - איז געווען אין 'לאדזש', ער האט איהם געברענגט צו אונז!) **אזוי?! וואו ביי אייך?** (אין 'וועגנראב'. שפעטער ווען מען איז געפארן קיין אומאן, איז ער אויך געפארן, אבער ער איז עפעס נישט מיט אונז צונויפגעפארט, איך בין געווען ביי זיין מאמע'ן זאגן אז ער קומט אויך, ביי זיי אין שטוב בין איך געווען - - -). **וואספארא יאר איז דאס געווען?** (איך ווייס נישט, איך קלער אז ס'איז געווען אינעם 23'סטן יאר, שוין פופציג יאר פון דעמאלטס), **איר זענט געווען לאנג?** (ביז איבער סוכות, צעהן טאג!).

(א' הנוכחים שואל שם; מ'האט זיך בא'גנב'עט די גרעניץ? והנ״ל עונה; נאר וואס דען?!... ס'איז געווען לוי יצחק דער סופר, און נאך א אינגל - א חבר אונזערע, דריי מענטשן, און פון לאדזש איז אויך געווען דריי, און פון נאך א פלאץ. א' הנוכחים; וועלוול ליברמנש איז אויך געקומען?) **ניין! וועלוול איז געקומען אינמיטן**

ווינטער (הנ"ל; דער פּיני איז עפּעס געבליבן אין וועג, וואוהין - ווייס איך נישט, דערנאך איז ער אהיימגעפארן)]

*

אז ס'איז געקומען 'ווינטער', איז איהם געווארן די הענט צופאלן - נישט אויף מיר געדאכט, ס'איז איהם פול געווארן די הענט מיט בלאָטערן, נישט נאר פון קעלט, נאר פול מיט בלאָטערן' אינגאנצן אויסגעגאסן, בלאָטערן, און ער איז געגאנגען אלע טאג אין 'מקוה'! פארשטייסט?! אין די קאלטע מקוה!

אז ער איז געווען ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, האט ער גענומען אביסל 'שמן' פון רבינ'ס ציון, האט ער פארשמירט די הענט, דאס איז געווען זיין רפואה! אביסל 'שמן' און פארשמירן די הענט!

ער איז געגאנגען הענטשקעס, אבער שבת איז ער געגאנגען אָן הענטשקעס, ווייל ער טאר דאך נישט אראפנעמען די הענטשקעס, אז ער האט געגעבן א ריס די הענטשקעס - עס האט זיך צוגעקלעבט די הענטשקעס צו די בלאטערן, און ווען ער איז געגאנגען אין מקוה האט ער געגעבן א ריס די הענטשקעס - 'אראפגעריסן', אה האט זיך צוגאסן די בלוטן מיט די זאכענישן - אינמיטן דער וואך.

אבער שבת האט ער דאך נישט געקענט, ער טאר דאך נישט אראפרייסן די הענטשקעס, איז שבת איז ער געגאנגען אזוי אָן הענטשקעס, א געוואלד האבן די בלאטערן געגאסן...

די קאלטע מקואות - אוי א צער, ווינטער איז געווען ביי איהם א צער, אלע ווינטער איז אזוי געווען - אויסגעגאסן, די גאנצע הענט פול מיט בלאטערן, האט ער געגעבן א רייס אראפ די הענטשקעס, א ריס, און געגאנגען אין מקוה, די קאלטע מקוה, 'אייז'!

*

ער איז אמאל געגאנגען אין מקוה אריין 'פארטאג' - אין די קאלטע מקוה, די מקוה איז געווען אייז, און דער 'בעדער' האט געשריגן; "ברסלב'ער משוגעים"! מען האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף, ס'איז פארמאכט געווען די מקוה, מיט שלעסער פארמאכט, און מיר האבן געשריגן, געקלאפט ביי די פענסטער, האט ער געוואלט ארויסגיין הרג'ענען! יענער בעדער געווען...

רופט ער זיך אָן צו ר' געצע'ן; איר מיינט ערנסט די מקוה?! גיבט מיר "דריי רובל"! (השואל; פרייטאג?) ניין, אינמיטן דער וואך! האט ער ארויסגענומען דריי רובל; "נעמט דריי רובל, איר קענט איבערלאזן (המקוה פתוח) אויף א גאנצע וואך - נאדיר דריי רובל"!

ער האט איהם געגעבן דריי רובל און געגאנגען אין מקוה! ער האט גענומען - יוסל בעדער - ער האט גענומען! יענער חברה מאן געווען, ער האט געטאן אזא מין זאך...

אז מען האט אמאל געעפענט די מקוה אָן זיין וויסן, האט ער גענומען - ארייגעווארפן דאס אנטוהן (- מלבושים) אין מקוה אריין... אינדרויסן איז א פראסט, מען קען נישט אנטוהן, ס'איז נאסע אנטוג... דאס האט ער אונז אנגעטוהן דער 'יוסל בעדער', אוי האבן מיר געליטן פון איהם צרות מיט צרות, אוי...

אזא מענטש איז ער געווען (ר' געצע), מקוה! - דריי רובל האט ער אוועקגעגעבן צו גיין אין מקוה!

(השואל; ס'איז נישט געווען א אייגענע מקוה?) **שפעטער שוין**, (השואל; נעבן קלויז אין הויף, ר' אברהם[ח] איז געווען דער בעדער?) **יא יא, אויפ'ן הויף פונעם קלויז!**

* * *

(השואל; מען זאגט אויף ר' אברהם בער'ניו[ט] אז ער פלעגט צווישן יעדן 'ביס' געבן א קרעכץ -)
**יא יא, ער האט יעדער לעפל אוועקגעלייגט - - ס'ווערט געבראכט אן עבודה פון גדולים,[י] מען זאל יעדע לעפל אוועקלייגן. ער האט אוועקגעלייגט יעדע לעפל, און די אויגן אויפגעהויבן צום אויבערשטן, יעדע לעפל! ס'ווערט געבראכט אן עבודה פון גדולים - אוועקלייגן יעדע לעפל, א לעפל - אוועקגעלייגט די לעפל, און אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן!**

---

[ח] ר' אברהם דזארגובסקי, חתנו של ר' געצע ז"ל.

[ט] נכד רביז"ל, מקורב למוהרנ"ת ז"ל, ומגדולי תומכיו, מובא הרבה במכתבי עלים לתרופה.

[י] עי' 'אגרא דכלה' פרשת דברים ד"ה אוכל תשברו מאתם וגו'; ... והנה כתבו חכמי האמת, אכילה שהנאתך ממנה משוך ידך ממנה [גיטין ע.] באמצע האוכל, וזה חשוב יותר מתענית לשבור התאוה באמצע האוכל, וזה יורה שכוונת האכילה הוא רק לשם שמים להעלאת נצוצין... עכ"ל.

(השואל; דאס איז פשט 'הארת הרצון' וואס דער רבי זאגט אין תורה ז' תניינא?) א 'מעין' דערפון!

מען רעדט דאך - אזוי איז געווען אן עבודה ביי גדולים, דאס איז א גרויסע עבודה, אוועקליייגן יעדע לעפל.

* * *

(א' מהזקנים הנוכחים הנ"ל; דער פיני - הנ"ל בנו של געצע ז"ל - איז געווארן א מענטש ביי אונז! אין אנהויב האט ער זיך אביסל אפגעלערנט פון די יונווארג - ), 'קינדער', 'קינדער' איז גאר עפעס אנדערש, קינדער איז גאר עפעס אנדערש.

מיין זוהן,[י"א] [ס'וועט זיין די יארצייט שפעטער, פון היינט א חודש וועט זיין די יארצייט זיינער], ער איז געווען אין רוסלאנד, און ער האט נישט איבערגעטרעטן די שוועל ביי זיי - פון די שולעס!

פון זיבן יאר האט מען געדארפט גיין אין די שולעס, ביז זעכצן יאר, און צוויי מאל אין יאר איז מען געגאנגען זוכן, זיי זענען געגאנגען זוכן, זוכן אין די שטובער, זיי האבן איבערגעדרייט די שטוב, "וואו איז אייער קינד? וואו איז ער? וואו איז ער"? זאג איך; "איך ווייס נישט! ער לויפט ארום אין די גאסן, ער וויל מיך נישט פאלגן"!...

ער האט זיך אויסבאהאלטן אין די בתי כנסיות, אין אונזערע בוידעמ'ס, און די שכנים (המוסרים) פלעגן זאגן; אט איז ער, דארט האט ער זיך פארבאהאלטן, דארטן האט ער זיך פארבאהאלטן, גייט זוכט איהם דארט, דארט איז ער!...

א קינד זאל האבן אזא מין צער, אכט - ניין יאר, אכט - ניין יאר פארבאהאלטן זיך! ער - און די טאכטער אויך אזוי, און מען האט נישט איבערגעטרעטן די שוועל ביי זיי (אין די שולעס)!!

* * *

---

[י"א] ר' משה ע"ה, נפטר ט"ו בשבט שנת תשל"ג.

# 'שלשת שרי פרעה'

וועלן מיר נאך אביסל לערנען, זאגט דער רבי אזוי (ממשיך בתורה ס"ב הנ"ל אות ה');[יב]

---

[יב] ונעתיק כאן מקצת לשון קדשו הנצרך כאן להבנת הענין:

(אות ה') וּלְהַעֲלוֹת נִיצוֹצֵי הַדִּבּוּר, צָרִיךְ לְתַעֲנִית. וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים ק"ז): "מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם וּמֵעֲוֹנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ" וְכוּ', אֲזַי: "יִשְׁלַח דְּבָרוֹ". כִּי עִקַּר תִּקּוּן הַדִּבּוּר, הוּא עַל־יְדֵי הַתַּעֲנִית. כִּי עִקַּר יְנִיקַת הַקְּלִפּוֹת, אֵינוֹ אֶלָּא מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה. כִּי מִפְּנֵי הַקְּדֻשָּׁה אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לִינֹק, מֵחֲמַת בְּהִירוּת אוֹר. אֶלָּא לִפְעָמִים נוֹתְנִים לָהֶם מִלְמַעְלָה בִּמְכֻוָּן כֹּחַ לִינֹק מִפְּנֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכָל זֶה אֵינוֹ אֶלָּא לְרַע לָהֶם, בְּחִינַת (קֹהֶלֶת ח): "עֵת אֲשֶׁר שָׁלַט הָאָדָם בְּאָדָם לְרַע לוֹ". וְכָל הַתַּאֲווֹת הֵם בְּחִינַת קְלִפּוֹת, כִּי הַתַּאֲווֹת הֵם מוּתָּרוֹת, כִּי בְּלֹא הַתַּאֲווֹת יָכוֹל הַגּוּף לְהִתְקַיֵּם, נִמְצָא שֶׁהֵם מוֹתָרוֹת לְקִיּוּם הַגּוּף. כְּמוֹ הַקְּלִפּוֹת הֵם מוֹתָרוֹת, כִּי עִקָּר אֵינוֹ אֶלָּא הַפְּרִי. וְהַקְּלִפּוֹת הֵם מוֹתָרוֹת. וּכְשֶׁמִּתְגַּבְּרִים הַתַּאֲווֹת עַל הָאָדָם, הוּא הִתְגַּבְּרוּת הַקְּלִפּוֹת עַל הַקְּדֻשָּׁה.

וְרָאשֵׁי הַתַּאֲווֹת הֵם שְׁלֹשָׁה שָׂרֵי פַּרְעֹה, 'שַׂר הַמַּשְׁקִים' וְ'אוֹפִים' וְ'טַבָּחִים', שֶׁהֵם: 'קָנֶה' וּ'וֶשֶׁט' וּ'וְרִידִין' שֶׁהֵם בְּחִינַת תַּאֲווֹת אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, שֶׁהֵם רָאשִׁים, שֶׁכָּל הַתַּאֲווֹת נִמְשָׁכִים אַחֲרֵיהֶם. וִינִיקָתָם מִפַּרְעֹה, שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת עֹרֶף, הַיְנוּ מֵאֲחוֹרַיִם. וְעִקַּר יְנִיקָתָם מֵהַדִּבּוּרִים, בְּחִינַת אַחַר הַדְּבָרִים, כִּי הֵם סְמוּכִין לָהּ, כִּי 'קָנֶה' וּ'וֶשֶׁט' וּ'וְרִידִין' הֵם סְמוּכִים לַחֲמֵשֶׁת מוֹצָאוֹת הַפֶּה. וְעִקַּר יְנִיקָתָם, מֵהַדִּבּוּרִים שֶׁאֵינָם זַכִּים כָּל כָּךְ. וּכְשֶׁרָאשֵׁי הַתַּאֲווֹת שֶׁהֵם הַקְּלִפּוֹת מִתְגַּבְּרִים, צָרִיךְ לְהַדְבִּיק וּלְהַסְתִּיר אֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, שֶׁלֹּא יִינְקוּ. וּדְבֵקוּת אֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, הִיא עַל יְדֵי הַתַּעֲנִית. כְּמוֹ שֶׁכּוֹתְבִים שֵׁם הֲוָיָ"ה בִּבְחִינַת אֲחוֹרַיִם, שֶׁכּוֹתְבִים מִתְּחִלָּה יוּ"ד, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁרוֹצִים וְכוֹתְבִים הֵ"א, חוֹזְרִים לַאֲחוֹרַיִם וְכוֹתְבִים יוּ"ד הֵ"א וְכוּ'. כֵּן הַתַּעֲנִית, שֶׁהוּא עִקַּר הַכְנָעָתָן שֶׁל הַשָּׂרִים הַנַּ"ל, הוּא בִּבְחִינַת דְּבֵקוּת אֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה:

כִּי עִקַּר זְכוּת הַתַּעֲנִית, אֵינוֹ אֶלָּא כְּשֶׁאָנוּ חוֹשְׁבִים הַשָּׁעוֹת שֶׁהִתְחִיל לְהִתְעַנּוֹת. לְמָשָׁל, כְּשֶׁמִּתְעַנֶּה שְׁנֵי יָמִים, הַיּוֹם הַשֵּׁנִי שֶׁהוּא נֶחְשָׁב בְּיוֹתֵר, אֵין מֵחֲמַת עַצְמוֹ, אֶלָּא מֵחֲמַת שֶׁאָנוּ חוֹזְרִים לְיוֹם רִאשׁוֹן, אֲזַי נֶחְשָׁב יוֹם שֵׁנִי לִזְכוּת יוֹתֵר:

גַּם כִּי עִקַּר כָּל הַדְּבָרִים הֵן הַתְחָלָה, כִּי 'כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת' (מְכִילְתָּא פָּרָשַׁת יִתְרוֹ וְהוּבָא בְּפֵרַשׁ"י), מֵחֲמַת שֶׁיּוֹצֵא מֵהֶפֶךְ לְהֵפֶךְ. אֲבָל אַחַר הַתְחָלָה, הוּא נִכְנָס מְעַט בְּהֶרְגֵּל, וְאֵינוֹ קָשֶׁה עָלָיו כָּל כָּךְ. וְכֵן בְּכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁהוֹלֵךְ לְמֵרָחוֹק מֵהַהַתְחָלָה, כֵּן נָקֵל הַדָּבָר, שֶׁנִּכְנָס מְעַט בְּהֶרְגֵּל. נִמְצָא שֶׁעִקַּר כֹּחַ הָעֲבוֹדָה שֶׁל כָּל יָמִים, אֵינוֹ אֶלָּא הַהַתְחָלָה, שֶׁאָנוּ צְרִיכִין לַחֲזֹר לַאֲחוֹרֵי, לְיוֹם רִאשׁוֹן שֶׁהִתְחִיל לְהָבִין וּלְהִתְעַנּוֹת שֶׁהוּא תְּחִלַּת הַתְּשׁוּבָה, שֶׁהָיָה קָשֶׁה עָלָיו הַהַתְחָלָה, שֶׁיָּצָא מֵהֶפֶךְ לְהֵפֶךְ. וּבְכָל יוֹם חוֹזֵר לַאֲחוֹרָיו, לְקַבֵּל כֹּחַ מֵהַתְחָלָה...

... וְזֶה בְּחִינוֹת (סַבָּא מִשְׁפָּטִים דַּף צ"ה): עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵינִין. עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא, זֶה בְּחִינַת אֱמוּנָה, בְּחִינַת (שִׁיר הַשִּׁירִים ו) "יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי", בְּחִינַת: "וּרְעֵה אֱמוּנָה": דְּלֵית לָהּ עֵינִין, הַיְנוּ אֵלּוּ הַקֻּשְׁיוֹת הַנַּ"ל, שֶׁאֵין לְעַיֵּן בָּהֶם, וְצָרִיךְ לְחַזֵּק בֶּאֱמוּנָתוֹ: גּוּפָא טְמִירְתָּא וְאִתְגַּלְיָא, כִּי

״ולהעלות ניצוצי הדיבור צריך לתענית״, דארף מען האבן ׳תענית׳, וזה בחינת ׳מדרך פשעם ומעוונותיהם יתענו׳, דעמאלט׳ס איז ׳ישלח דברו׳ - שיקט ער ארוים דעם דיבור, ער איז מעלה דעם דיבור, דורכ׳ן פאסטן, כי עיקר תיקון הדיבור על ידי התענית.

ווארום דער ׳עיקר יניקת הקליפות׳ איז נאר פון די ׳אחורי הקדושה׳, ווארום פון די ׳פני הקדושה׳ קענען זיי נישט יונק זיין, ׳מחמת בהירות אור׳, דאס איז א לעכטיגע אור - די ׳פני הקדושה׳, נאר פון די ׳אחורי הקדושה׳ (קענען זיי יונק זיין).

אלא לפעמים נותנים להם מלמעלה במכוון כח לינוק מפני הקדושה - מען גיבט זיי במכוון, און זיי מיינען אז זיי וועלן אריינכאפן די פנים פון די קדושה, וכל זה אינו אלא לרע להם - דאס איז פאר זיי א שלעכטס וואס מען גיבט זיי דער ׳פני הקדושה׳, בחינת עת אשר שלט האדם באדם לרע לו - ער איז שולט, אבער ס׳איז גאר פאר איהם א ׳רע׳.

וכל התאוות הם בחינת קליפות, וואס הייסט א ׳קליפה׳? א קליפה הייסט א ׳שאָלאַכטץ׳, ווארום די תאוות זענען ׳מותרות׳, ווארום אָן די תאוות קען דער גוף אויך האבן א קיום, אה - ׳נמצא שהם מותרות לקיום הגוף׳, אזוי ווי שאלאכטץ, ס׳איז קליפות, זיי זענען מותרות צו די פרי, כי עיקר אינו אלא הפרי והקליפות הם מותרות.

זאגט דער רבי; ווען ס׳איז זיך מתגבר די תאוות אויפן מענטש׳ן דאס הייסט ׳התגברות הקליפות על הקדושה׳! די תאוות הייסן קליפות!

וראשי התאוות הם שלשה שרי פרעה, ׳שר המשקים׳, ׳ואופים׳, ׳וטבחים׳, שהם ׳קנה׳, ׳וושט׳, ׳וורידין׳, שהם בחינת תאוות אכילה ושתיה.

*

---

הִיא טְמִירָא, כִּי אִם תִּשְׁאַל אֶת הַמַּאֲמִין אֵיזֶה טַעַם בֶּאֱמוּנָה, וַדַּאי אֵינוֹ יוֹדֵעַ לְהָשִׁיב לְךָ טַעַם, כִּי אֱמוּנָה אֵינוֹ שַׁיָּךְ אֶלָּא בְּדָבָר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ טַעַם. וְאַף־עַל־פִּי־כֵן, ׳וְגַלְיָא׳. הַיְנוּ שֶׁאֵצֶל הַמַּאֲמִין הַדָּבָר גָּלוּי, כְּאִלּוּ רוֹאֶה בְּעֵינָיו אֶת הַדָּבָר שֶׁהוּא מַאֲמִין בּוֹ, מֵחֲמַת גֹּדֶל אֱמוּנָתוֹ הַשְּׁלֵמָה: נָפְקַת בְּצַפְרָא וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא, כִּי הָאֱמוּנָה מִתְחַדֶּשֶׁת אֵצֶל הָאָדָם בְּכָל בֹּקֶר, בְּחִינַת (אֵיכָה ג): ״חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים״ וְכוּ׳. וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא, מֵחֲמַת טִרְדַּת עִסְקֵי עוֹלָם, נִתְכַּסֶּה הָאֱמוּנָה: מִתְקַשְּׁטַת בְּקִשּׁוּטִין דְּלָא הֲווֹ, הַיְנוּ עִקַּר קִשּׁוּטֵי הָאֱמוּנָה, כְּשֶׁמְּקָרְבִין אֶצְלָהּ בְּנֵי אָדָם שֶׁלֹּא הָיוּ מְקֹרָבִין לָהּ.

דער רבי הייבט אָן די תורה - הייבט דער רבי אָן; 'דע שעל ידי אבילתם של ישראל', ווארום אזוי איז דאך דא די 'שרים', זיי זענען דאך די 'שרי פרעה', איז דאך נישט קיין אידן, 'אכילת ישראל' הייסט - אז ס'איז נישט פון די דריי 'שרי פרעה'! די דריי שרי פרעה דאס איז דאך די תאוות אכילה ושתיה, 'שר המשקים ואופים וטבחים'.

אכילה פון א אידן הייסט אז ס'איז נישט פון די דריי 'שרי פרעה'! אז ס'איז נישט פון די תאוה אכילה ושתיה, 'א אידישער עסן'! טאמער מיט תאוות - הייסט עס 'שר המשקים האופים וטבחים'! 'שר המשקים' איז 'תאוות שתיה', 'אופים וטבחים' איז תאוה פון 'אכילה', זיי זענען די 'ראשי התאוות'!

(השואל; אזוי ווייזט דאך אוים פון רבי'ן אז די תאוה הידועה איז די ראש התאוות, אז מען האט דערציילט דעם רבי'ן אויף א גדול אז ער שלאפט נישט - ער עסט נישט, האט דער רבי געזאגט, 'דער עיקר וואס איז מיט די תאוה'?)[יג] יעדע תורה איז א 'רפואה', יעדע תורה איז א 'רעצעפט', דא רעדט מען פון 'דער רעצעפט', מען דארף רעדן פון 'דער רעצעפט' אויך, דא רעדט מען פון 'דער רעצעפט'!

*

זיי זענען די 'ראשי התאוות', שכל התאוות נמשכין אחריהם, ויניקתם מפרעה, שהוא אותיות 'הערף' - זייער יניקה איז פון 'פרעה', פרעה איז אותיות 'עורף', דער פנים איז דאך פאָרנט, דער עורף איז דאך אונטן, היינו מאחוריים, דער עיקר זייער יניקה - זאגט דער רבי - איז פון די דיבורים, בחינת 'אחר הדברים', כי הם סמוכין לה, כי קנה וושט וורידין הם סמוכים לחמשת מוצאות הפה, ועיקר - זאגט דער רבי - יניקתם מהדיבורים שאינם זכים כל כך!

אה! דער רבי זאגט נישט - קיין 'דיבורים פגומים', (נאר) פון 'דיבורים שאינם זכים כל כך', פון דארטן איז זייער יניקה! דער עיקר 'תאות אכילה' - די 'שרי פרעה' האבן א יניקה פון 'דיבורים שאינם זכים כל כך'!

---

[יג] עי' חיי מוהר"ן אות תר"א; סִפֵּר עִם אֶחָד מִצַּדִּיק מְפֻרְסָם, וְשִׁבַּח אוֹתוֹ לִפְנֵי רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁמְּשַׁבֵּר כָּל הַתַּאֲווֹת שֶׁהֵם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה. שָׁאַל אוֹתוֹ רַבֵּנוּ ז"ל אֲבָל זֹאת הַתַּאֲוָה אֵיךְ הוּא אוֹחֵז, הֵשִׁיב לוֹ מִי יוֹדֵעַ זֹאת. עָנָה רַבֵּנוּ ז"ל וְאָמַר, אֲבָל בֶּאֱמֶת הָעִקָּר הוּא רַק הַתַּאֲוָה הַזֹּאת, כִּי שְׁאָר כָּל הַתַּאֲווֹת בְּקַל יְכוֹלִים לְשַׁבְּרָם וְעִקַּר מַעֲלַת הַצַּדִּיק הִיא כְּפִי קְדֻשָּׁתוֹ בְּתַאֲוָה הַזֹּאת כְּשֶׁזּוֹכֶה לְשַׁבְּרָהּ לְגַמְרֵי.

א מענטש - אז ער איז נזהר אינעם דיבור, איז דער עסן ביי איהם אויך שענער! אזוי זאגט דער רבי דא - דער עיקר יניקה פון די 'שלשה שרי פרעה' איז פון די 'דיבורים שאינם זכים כל כך'! דורך פגם הדיבור איז דער עסן א קאליקער עסן!

*

זאגט דער רבי אזוי; **וכשראשי התאוות שהם הקליפות מתגברים, צריך להדביק ולהסתיר אחורי הקדושה** - דארף מען מסתיר זיין די 'אחורי הקדושה' זיי זאלן נישט יונק זיין, **ודביקות אחורי הקדושה הוא על ידי תענית.**

דער שטייגער איז - א מענטש אז ער פאסט, דארף מען זעהן זייער זיין געווארנט מען זאל אין דעם טאג נישט ווערן אין 'כעס',[יד] ער זאל זעהן אין דעם טאג זאל ער מרבה זיין בתורה ותפילה, ווארום דער תענית איז א געוואלדיגער כח אז ס'זאל אריינברענגען אין מענטשן אריין - - דער רבי זאגט טאקע אין תורה קע"ט אז דאס איז 'לאדבקא רעותא' - דעם רצון פונעם הארצן צום אויבערשטן, מכניע זיין דעם רצון צום אויבערשטן!

אין דעם טאג איז אזא מין התגברות אויפ'ן דיבור, ער ווערט דאך אין כעס, ער פאסט, ער איז הונגעריג! פארדעם דארף מען זעהן אריינלייגן די כוחות אריין אין תורה ותפילה, און היטן דעם דיבור - אין דעם טאג פון א תענית, ווערט גאר אנדערש אפגעטוהן, גאר א אנדערע תיקון ווערט גאר אין דער טאג פון תענית!

ווייל דער רבי זאגט דא אז דורך א תענית איז מען מסתיר אחורי הקדושה, האבן זיי נישט פון וואנעט יונק צו זיין, איז אזא מין התגברות דא אין דעם טאג - ס'איז א געוואלד! אז טאמער האט ער אמאל א שווערן תענית איז א געוואלדיג (- התגברות הכעס, ע"כ צריך ליזהר מאוד בזה).

*

זאגט דער רבי, **ודבקות אחורי הקדושה היא על ידי התענית כמו שכותבים שם הוי"ה בבחינת אחוריים** - אויף צוריק, מתחילה שרייבט מען די יו"ד, **ואחר כך כשרוצים וכותבים ה"א, חוזרים לאחוריים וכותבים יו"ד ה"א וכו'**, דערנאך יו"ד ה"א וא"ו, און יו"ד ה"א וא"ו ה"א.

---

[יד] עי' תו' נ"ז אות ו', ובליקוטי עצות ערך תענית אות ד'.

זאגט דער רבי אזוי, כן התענית שהוא עיקר הכנעתן של השרים הנ"ל, דער עיקר זייער הכנה פון די שרים, הוא בבחינת דביקות אחורי הקדושה, כי עיקר זכות התענית אינו אלא כשאנו חושבים השעות שהתחיל להתענות, למשל - אז ער פאסט צוויי טעג, דער אנדערער טאג ווערט 'נחשב ביותר', נישט מחמת זיך אליין, נאר וויבאלד מיר קערן זיך אום צו דעם ערשטן טאג, איז די אנדערע טאג רעכנט זיך שוין פאר א גרעסערן זכות!

*

## 'העיקר הוא ההתחלה'

גם, כי עיקר כל הדברים הן התחלה - דער אנהויב, כי כל התחלות קשות, דער אנהויב איז שווער, וויבאלד מען דארף ארויסגיין 'מהיפך אל היפך', אבער נאך דער התחלה, גייט ער שוין אביסל אריין אין א הרגל, און ס'איז שוין נישט אזוי שווער אויף איהם, וכן בכל יום ויום שהולך למרחוק מההתחלה - איז איהם גרינגער די זאך - שנכנס מעט בהרגל.

נמצא שעיקר כח העבודה של כל ימים, אינו אלא ההתחלה, וואס מיר דארפן זיך אומקערן - לאחוריו, ליום ראשון שהתחיל להבין ולהתענות, שהוא תחילת התשובה, שהיה קשה עליו ההתחלה, שיצא מהיפך להיפך, ובכל יום חוזר לאחוריו לקבל כח מהתחלה.

דער עיקר איז דער התחלה! ממילא טאמער האט ער נישט געהאט קיין התחלה, גייט דאך נישט ווייטער, מוז ער נאכאמאל אנהויבן!

אז דער עיקר גייט נאר נאך דער התחלה, אויב ער האט נאכנישט אנגעהויבן - ווער ווייסט צו מען האט שוין איינמאל אנגעהויבן?! ווי קען איך זיך פארלאזן אויף דעם וואס איך האב אנגעהויבן?! טאמער האב איך נישט געמאכט קיין גוטע התחלה, און אלעם גייט דאך נאר נאך די התחלה, האב איך דאך נאכנישט אנגעהויבן, ממילא גייט דאך נישט, מוז איך נאכאמאל אנהויבן!

דער רבי זאגט ווייטער אזוי (בסוף התו'); 'טאמער האב איך נאך נישט אנגעהויבן' - אלעם גייט דאך נאר נאך די התחלה - טאמער האט ער נאך נישט אנגעהויבן!

*

'התחדשות'! 'באנייען זיך'! 'מאכן א התחלה'! ווייבאלד דו וועסט זיך באנייען זיך - מאכסטו אן התחלה, גייט אלס נאך די התחלה! אבער אז דו הייבסט נישט אָן, הייבסטו דאך נישט אָן, ממילא גייט דאך ווייטער גארנישט!

אז דו הייבסט אָן, עס קומט א אינדערפרי - דו הייבסט אָן, ביינאכט - דו מאכסט א התחלה, דו הייבסט אָן, גייט עס!

דו דארפסט טראכטן; אפשר האב איך נאכנישט אנגעהויבן?! איך דארף איצטער אנהויבן!

'דער עיקר איז נאר דער אנהויב'! א מענטש קען אוועקגיין א אכציג יעריגער - ניינציג יאר, און ער האט נאך קיינמאל נישט אנגעהויבן, קיין איינמאל נישט אנגעהויבן!!!

(א' הנוכחים; די שאלה איז - וואס הייסט אנהויבן?) אנהויבן איבער א נייע'ס! ביי נייע'ס!! ביי נייע'ס!!

וואס הייסט באנייען זיך? פאר'ן עסן, פאר'ן שלאפן, פאר'ן גיין דאווענען אינדערפרי, פאר מנחה, פאר מעריב, באנייען זיך!!

'ווייסן' - ווייסן מיר וואס דאס הייסט! נאר מקיים זיין די זאך!! (זה עיקר הקושי)...

*

[(אחד הנוכחים שואל בענין 'נפתלי' הדוד של פיני בנו של ר' געצע, שדיברו ממנו לעיל. רלוי"צ עונה;), ער איז געווען ר' געצע'ס ברודער, ער איז געווען א שטיק צייט אין אומאן דער נפתלי, איך האב געקענט זיין פאטער אויך - ר' אברהם!

(השואל; "ר' אברהם דער מלאך" האט מען איהם גערופן?) יא, ער איז געווען א משמש אין א שוהל, א גרויסער ערליכער איד! (א' מהנוכחים; דער חזן פון מאסקווע האט אונז געזאגט אז ער געדענקט ר' געצע מיט ברוך - חתן ר' געצע - מיט ר' אברהם דער מלאך!)]

* * *

# 'לקשט' את האמונה!

(כאן חסר, ממשיך ללמוד באמצע אות ה'); - - - **וזה בחינות עולימתא שפירתא דלית לה עינין, עולימתא שפירתא זה בחינת אמונה, בחינת יפה את רעיתי, בחינת ורעה אמונה, דלית לה עינין, היינו אלו הקשיות הנ"ל שאין לעיין בהם, וצריך לחזק באמונתו! 'עולימתא שפירתא דלית לה עינין'** - זי האט נישט קיין 'עינין' צו מעיין זיין, נאר האבן אמונה!

דער אויבערשטער איז אונז משבח, 'יפה את רעיתי' - **גופא טמירתא ואתגלי, כי היא טמירא** - זי איז פארבאהאלטן! אויב דו וועסט פרעגן דעם מאמין עפעס א טעם אין די אמונה, אוודאי ווייסט ער נישט - ער ווייסט נישט צו ענטפערן פאר דיר א טעם, 'אמונה' איז נאר שייך ביי א זאך וואס מען ווייסט נישט - מען ווייסט נישט קיין טעם!

**ואף על פי כן 'וגליא', הינו שאצל המאמין הדבר גלוי**, זי אליין איז פארבאהאלטן, פרעגן קען מען נישט פרעגן, מען קען נישט מעיין זיין, אבער זי איז אויפגעדעקט, ביי דעם מאמין איז גלייך ווי ער זעהט מיט די אויגן, **מחמת גודל אמונתו השלמה**, איז גלייך ווי ער זעהט מיט די אויגן!

**נפקת בצפרא** - אינדערפרי גייט ארוים די אמונה, אינדערפרי שיינט די אמונה, **ומתכסיא בימא**, די אמונה ווערט באנייעט ביים מענטשן בכל בוקר, אלע אינדערפרי ווערט באנייעט די אמונה, **בחינת חדשים לבקרים וכו', ומתכסיא בימא, מחמת טירדת עסקי עולם** - ווערט פארדעקט די אמונה', בייטאג ווערט פארדעקט די אמונה פון די הבלי עולם!

רבי פנחס קאריצער האט געזאגט;[טו] אז ער וויל דאוונען גאנץ פרי, איידער דער וועלט ווערט פול מיט לשון הרע און רכילות - וויל ער דאוונען גאנץ פרי! אז די וועלט הייבט אן רעדן לשון הרע איז שוין שווער צו דאוונען, ער וויל דאוונען גאנץ פרי איידער 'ומתכסיא בימא' - בייטאג ווערט פארדעקט די אמונה!

גאנץ פרי גייט זי ארוים - שיינט די אמונה, 'חדשים לבקרים', אבער בייטאג ווערט זי פארדעקט!

---

[טו] עי' אמרי פנחס שער סדר היום אות נ"א.

*

דער רבי זאגט דאך אויבן,[טו] אז די אמונה דארף מען 'באצירן' - מקרב זיין נייע מענטשן צום אויבערשטן, דאס איז דער 'צירונג' פון די אמונה, 'מתקשטת בקשוטין דלא הוו', די 'עיקר קשוטי האמונה' איז אז ס'ווערט מקורב צו איר אזעלכע מענטשן וואס זענען נישט געווען פריער מקורב, דאס הייסט 'נייע צירונגען', נייע מענטשן ווערן מקורב, דערמיט צירט זיך אן די אמונה, דאס איז איר'ע צירונג!

(א' הנוכחים; דער רבי האט געזאגט; ביי איהם נייע מקורבים איז מער חשוב - מער ווי ר' נתן און ר' נפתלי?) יא יא!

דאס 'האט' דאך שוין דער אויבערשטער! נאר דער אויבערשטער דארף ס'זאל צוקומען 'נאך'!

מען דערציילט פונעם גרויסן ר' אהרן, 'רבי אהרן הגדול' האט אזוי געזאגט; "אז מען זאל זאגן, 'אהרן - דו וועסט זיין אברהם אבינו, און אברהם אבינו וועט ווערן אהרן', וואס א נפקא מינה?! דער אויבערשטער וועט האבן 'איין אהרן', און ער וועט האבן 'איין אברהם', צו איך וועל זיין אברהם, צו ער וועט זיין אברהם, דער אויבערשטער וועט נישט האבן מער ווי 'איין אברהם', און 'איין אהרן', ס'איז מיר אלס איינס! נאר אז איך וועל זיין 'אברהם', און 'אברהם' וועט אויך זיין 'אברהם', וועט דער אויבערשטער האבן צוויי 'אברהם' - דאס וואלט איך געוואלט"!!

דער אויבערשטער וויל נאר ס'זאל צוקומען צום אויבערשטען נאך מענטשן! נאך מאמינים!

יענע צדיקים זענען דאך שוין דא! אוודאי, נייע מענטשן איז א נייע התחדשות, און דעם אויבערשטנס כבוד ווערט מער נתגלה, אויפגעדעקט.

אז יתרו איז געווארן מקורב 'כדין אסתלק ואתייקר שמא עילאה'[יז], איז דער קושיא - פריער איז דאך געווען משה?! דער תירוץ איז; משה איז דאך משה, יתרו איז דאך צוגעקומען, ס'איז צוגעקומען א נייער!

---

[טו] אות ג'.

[יז] עפ"י לשון הזוה"ק פרשת יתרו דף ס"ט, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ד אות ב'.

משה איז משה, יתרו איז יתרו, אבער ס'איז דאך צוגעקומען נאך - ער האט דערקענט דעם אויבערשטן, די אמונה 'צירט' זיך אן מיט נייע צירונגען!

אז ס'ווערן נייע מקורבים, ס'קומען - נייע מענטשן הייבן אן גלייבן אין אויבערשטן, דאס איז איר צירונג, דאס איז איר 'קישוטין'!

אז ס'איז געקומען נייע מקורבים צום רבי'ן, איז דער כבוד השם געווען מער! דער עיקר איז דער כבוד השם, דער עיקר איז דאך כבוד השם, דעם אויבערשטנס כבוד ווערט מער נתגלה - נאך א מענטש!

נישט זיך ווען איינרעדן; אז ער איז א צדיק - אַדאָס איז עס, שוין גענוג! דער אויבערשטער וויל דאך נאך! ס'דארף ווערן נאך - ס'זאל נאך ווערן מקורב צום אויבערשטן, נאך ווערן 'בעלי תשובות'!

דאס איז די קישוטין פון די שכינה הקדושה - אז ס'קומט אלעמאל צו נייע מענטשן, דאס איז איר צירונג, דערמיט ווערט זי אנגעצירט, דאס הייסט שלימות אמונה!

דאס האט דער רבי אנגעהויבן די תורה, אז מען קען נישט קומען דערצו אז ביים עסן זאל זיין א 'יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה' נאר דורך 'אמונה', די אמונה זאל זיין 'בשלימות', דאס הייסט 'שלימות אמונה' - אז א מענטש גלייבט אינעם אויבערשטן, און זעהט אלס ס'זאל ווערן אלס 'נייע מקורבים', 'נייע מקורבים'!

* * *

## 'אמונת ההשגחה'

(ממשיך באות ו'):[יח] **וכשהאמונה כל כך בשלימות** - אז די אמונה איז אזוי פיל בשלימות, דעמאלט'ס איז זיין עסן זייער חשוב זיין עסן! **כי נתייחד קודשא בריך**

---

[יח] ונעתיק כאן מקצת לשון קדשו הנצרך כאן להבנת הענין;

(אות ו') וּכְשֶׁהָאֱמוּנָה כָּל כָּךְ בִּשְׁלֵמוּת, אֲזַי אֲכִילָתוֹ הִיא יְקָרָה מְאֹד. כִּי נִתְיַחֵד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, בִּבְחִינַת: "וַיֹּאמֶר בֹּעַז לְרוּת" וְכוּ'. אֲזַי, הָאֱמוּנָה הִיא מַמְלֶצֶת עַל הָרְחוֹקִים לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרֵב אוֹתָם בְּצֵל כְּנָפָיו. וְזֶה הִיא מְלִיצָתָהּ, כִּי עִקַּר טָעוּתָם שֶׁל הָרְחוֹקִים מֵאֱמוּנַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר יְדִיעַת אֱלֹקוּתוֹ אֵינוֹ אֶלָּא מְגֻלּוּי עַל הַסָּתוּם. וּמֵחֲמַת שֶׁרוֹאִים מְגֻלּוּי, שֶׁהַנְהָגַת הָעוֹלָם הוּא עַל־יְדֵי מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת, נָפְלוּ בְּטָעֻיּוֹת, כָּל אֶחָד לְפִי טָעוּתוֹ. וְיֵשׁ חוֹשְׁבִים

הוא ושכינתיה, בבחינת 'ויאמר בועז לרות' וכו', אזי האמונה היא ממלצת על הרחוקים לפני השם יתברך, שיקרב אותם בצל כנפיו', אז מען וויל מקרב זיין מענטשן צום אויבערשטן, איז דא א געוואלדיגע קטרוג אויף זיי, מען לאזט זיי נישט צו, ביז יעצט זענען זיי געווען - (אינדרויסן), און יעצט זאלן זיי ווערן מקורב?! ס'איז א קטרוג, אבער די אמונה איז ממליץ פאר'ן אויבערשטן מען זאל מקרב זיין די רחוקים!

דער רבי זאגט אזוי:[יט] ס'איז א 'קטרוג', מוז מען זיי מאכן 'מניעות', מען מוז זיי מאכן 'פאַרשטעלן'!

(די מקטריגים טענה'ן): פון וואו קומט ער?! וואו זיי זענען געווען, און ווילן ווערן מקורב צום אויבערשטן?! (שטעלט מען זיי) געוואלדיגע מניעות! - און די אמונה איז ממליץ פאר זיי אז מען זאל זיין מקרב זיין!

וזה היא מליצתה; כי עיקר טעותם של הרחוקים מאמונת השי"ת - פארוואס האבן זיי א טעות? פארוואס זענען זיי אזוי ווייט פונעם אויבערשטען? מחמת זיי זעהען נישט, זיי זעהען נישט ארוים קיין שום זאך, מחמת שעיקר ידיעת אלקותו אינו אלא מגלוי על הסתום, דער אויבערשטער ווייזט עפעס א זאך, עפעס א נס, ווייסט מען 'על הסתום' אז ס'איז דא א באשעפער! ומחמת שרואים מגלוי שהנהגת העולם הוא על ידי מערכת המזלות בטבע - פאלט מען אריין אין א טעות, יעדער איינער וועדליג זיין בחינה - אז בגלוי זעהט מען נישט קיין 'התגלות

---

שֶׁהַכֹּל עַל פִּי הַטֶּבַע, עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג. וְיֵשׁ חוֹשְׁבִים שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבֹד אֶת הָאֶמְצָעִי, כְּמוֹ שֶׁטָּעוּ בָּעֵגֶל, שֶׁרָצוּ לַעֲשׂוֹת אֶת הָעֵגֶל אֶמְצָעִי, בֵּינָם לְבֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁאָמְרוּ: "אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ" (שְׁמוֹת ל"ב), בְּחִינַת אֶמְצָעִי. וּבְטָעֻיּוֹת כָּזֶה, רַבִּים נִכְשָׁלִים. וְעוֹשִׂים אֶת הַסִּבּוֹת אֶמְצָעִי, בֵּינָם לְבֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיְנוּ שֶׁמַּאֲמִינִים בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲבָל מַאֲמִינִים גַּם כֵּן בְּאֶמְצָעִי, וְאוֹמְרִים שֶׁצָּרִיךְ לְסִבּוֹת. הַיְנוּ שֶׁמַּאֲמִינִים לְמָשָׁל בְּהַסִּבָּה שֶׁל פַּרְנָסָה, שֶׁהוּא הַמַּשָּׂא וּמַתָּן, וְאוֹמְרִים הַסִּבָּה שֶׁל מַשָּׂא־וּמַתָּן עִקָּר. כְּאִלּוּ חַס וְשָׁלוֹם, בְּלֹא הַסִּבָּה שֶׁל מַשָּׂא וּמַתָּן, אֵין יְכֹלֶת בְּיַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִתֵּן לָהֶם פַּרְנָסָה. וּבְהַסִּבָּה שֶׁל הָרְפוּאָה, שֶׁהוּא סַמִּים, עוֹשִׂים מֵהֶם עִקָּר, כְּאִלּוּ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִי הַסַּמִּים, אֵין יְכֹלֶת בְּיַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְרַפֵּא. וְאֵין הַדָּבָר כֵּן, כִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא סִבַּת כָּל הַסִּבּוֹת וְעִלַּת כָּל הָעִלּוֹת, וְאֵין צָרִיךְ לְשׁוּם סִבָּה. וְעִסְקֵנוּ בְּאֵלּוּ הַסִּבּוֹת, צָרִיךְ לְהַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד, וְלֹא לַעֲשׂוֹת מֵהַסִּבּוֹת עִקָּר ...

[יט] עי' תו' קט"ו.

הנסים', אז מען זעהט נישט בגלוי, בגלוי זעהט מען נאר ווי ס'פירט זיך 'על ידי מערכת המזלות', פאלט מען אריין אין 'טעיות'!

ויש חושבים שהכל על פי הטבע, עולם כמנהגו נוהג, ויש חושבים שצריך לעבוד את האמצעי, כמו שטעו בעגל, דער טעות פון די עגל איז געווען, זיי האבן געוואלט מאכן דעם עגל פאר א 'אמצעי בינם לבין השם יתברך', שאמרו אשר ילכו לפנינו בחינת אמצעי.

זאגט דער רבי 'ובטעיות כזה' - אין דעם טעות - מען מאכט עפעס א אמצעי אויך, זאגט דער רבי - איז 'רבים נכשלים'! אסאך ווערן נכשל אין דעם טעות פון 'אמצעי', 'ועושים את הסיבות אמצעי'!

דער אויבערשטער האט באשאפן דער מענטשן דא - אז מען מוז אנקומען צו סיבות, מען מוז עסן, מען מוז טרינקען, מען מוז א רפואה, מען מוז! איז דעמאלט'ס איז מען אין א סכנה, מען זאל נישט מאכן די סיבה פאר א עיקר, די סיבה מאכט מען פאר א 'אמצעי בינם לבין השם יתברך', זיי גלייבן אין השי"ת - אבער זיי גלייבן אויך אין דעם 'אמצעי', זיי זאגן אז מען דארף אנקומען צו די סיבות.

'היינו' זיי גלייבן למשל אין די סיבה פון 'פרנסה' - דאס איז 'משא ומתן', זיי זאגן אז דער סיבה איז דער 'עיקר', דער סיבה פון משא ומתן איז דער עיקר, כאילו חס ושלום בלא הסיבה של משא ומתן אין יכולת ביד השם יתברך - קען דער אויבערשטער נישט געבן פרנסה! מען דארף טאקע האבן א סיבה, אבער מאכן דער סיבה פאר א עיקר - אז אָן דער סיבה קען דער אויבערשטער נישט געבן קיין פרנסה - איז עס א מעשה פון פגם העגל!

'ובהסיבה של הרפואה' דאס איז די 'סמים', רפואות - מאכן דאס פאר א עיקר, גלייך ווי חס ושלום אָן די סמים 'אין יכולת ביד השי"ת לרפא', ואין הדבר כן, כי הקדוש ברוך הוא, הוא סיבת כל הסיבות, ועילות כל העילות, ואין צריך לשום סיבה!

*

# געארבעט אומזינסט און געגעסן אומזינסט!...

איי - ועסקינו באלו הסיבות - דאס וואס אונז זענען עוסק אין די סיבות - איז גאר מחמת דער חטא גאר, מחמת פון דער חטא פון עץ הדעת איז געווארן 'ל"ט מלאכות', אבער לעתיד וועט טאקע זיין "ועמדו זרים ורעו צאנכם, ובני נכר אכריכם וכרמיכם, ואתם כהני ה' תקראו"[כ] - קיין שום 'סיבה' וועט נישט זיין!

מחמת די חטאים מוז זיין די 'סיבות' - אבער נישט דערפאר ווייל דער אויבערשטער קען נישט שפייזן אָן דער סיבה!

ס'איז א מעשה דא, עפעס א מעשה איז געווען - אז "מען עסט אומזיסט און מען האָרעוועט אומזיסט"; אן ארימאן איז אריינגעקומען אין א (מקום אכסניא), אין דעם הויף איז געווען צוויי גבירים, איינער איז געווען א גוטער מענטש, ער האט געגעבן עסן טרינקען יעדער אידן, און איינער איז געווען א קארגער, ער האט נישט געוואלט גיבן.

האט ער אריינגעטראטן צום קארגן, זאגט ער איהם (העשיר הקמצן); "איך האב אינדערויסן א פיר'ל האלץ, דו וועסט מיר צוהאקן דאס פיר'ל האלץ, וועל איך אייך געבן עסן"! אן ארימאן - וואס זאל ער טוהן?! האט ער זיך אנגעהארעוועט, אפגעהאקט דאס פיר'ל האלץ, און גייט אריין צו איהם, ווייזט ער איהם אָן אין די טיר צום אנדערן (ביתו של העשיר הנדיב); "גיי, דארטן וועט מען דיר געבן א מיטאג"! ער מיינט אז דאס איז איין זאך... (רצ"ל, שהעני חשב שזה אותו דבר).

(מ'האט איהם דארט) געגעבן א גוטן מיטאג עסן, ער עסט אפ דעם מיטאג, "אה, א מחיה, איך האב אבער גוט געהארעוועט ביז איך האב פארדינט דאס"! (פרעגט מען איהם); "וואס איז דאס"? דערציילט ער...! (האט מען איהם געזאגט); "איר האט געהארעוועט אומזיסט, און איר עסט אויך אומזיסט"!

'מען הארעוועט אומזיסט, און עסן עסט מען אומזיסט'! - דאס האט דער רבי דאס דערציילט, דאס האט דער רבי פארציילט - אז מען הארעוועט אומזיסט און מען עסט אומזיסט!

[כ] עפ"י לשון הכתוב ישעי' ס"א, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ד' תניינא אות ג'.

דער גביר (הנדיב) האט איהם אזוי געזאגט! - דער גביר; 'איר הארעוועט אומזיסט, און איר עסט אומזיסט'!

*

דאס איז 'אמונה', דאס איז א 'שלימות אמונה', אז נישט דערפאר 'ווייל איך ארבעט דערפאר עס איך', (נאר) הארעווען - הארעווע איך פאר די 'עוונות', דארף מען אפקומען דערמיט, האט ער נישט קיין עוונות, האט ער אנדערע עוונות - - און עסן - עסט ער פונעם אויבערשטן!

דער אויבערשטער געבט 'בחן בחסד וברחמים' - געבט דער אויבערשטער עסן! מען בענטשט דאך; 'בחן בחסד וברחמים', געבט דער אויבערשטער - 'הזן ברחמיו את הכל'! נאר מיט 'רחמנות' געבט דער אויבערשטער עסן!

*

דאס איז א געוואלד! אין די סיבות 'רבים נכשלים' - רבים ווערן נכשל אין די סיבות! א מלאך האט נישט קיין שום 'סיבה', ער האט נישט קיין שום 'סיבה', ער איז הויך, ער פליהט אין די עולמות, ער פליהט, ער ברענט, ער פלאקערט, ער האט נישט קיין שום 'סיבה'!

מיר האבן 'סיבות', און נישט מאכן די סיבות פאר קיין עיקר - דארף מען האבן גרוים רחמים! אפילו איך טוה יא די זאך, איך טוה די זאך, איך דארף טוהן די זאך, און וויסן אז דער אויבערשטער טוהט! - דארף מען צו דעם האבן גרוים רחמים, זיין א גרויסע ערליכע איד!

מען דארף האבן 'התבודדות', רעדן צום אויבערשטן אסאך, אז מען זאל נישט מאכן פון די סיבות קיין עיקר! מען נער'ט זיך! מען מיינט; "יא יא' - אבער דער רבי זאגט 'רבים נכשלים', רבים נכשלים - ווערן נכשל אין דער זאך!

*

- - עס ווערט געבראכט, אז בעוקבתא דמשיחא - דער עיקר נסיון איז איצטערט וואס דער השגחה איז מלובש בדרך הטבע!

בשעת ס'איז געווען א בית המקדש, דער השגחה איז געווען 'עין בעין', מען האט ארויסגעזעהן השגחתו יתברך, דער השגחה איז נישט געווען מלובש אין קיין דרך

הטבע, מען האט געזעהן השגחה, און היינט איז דער אויבערשטער אויך משגיח אזוי ווי דעמאלטס, נאר וואס דען - ס'איז מלובש אין 'דרך הטבע' - מחמת די חטאים איז דאס אלקות איז פארשטעלט, מען זעהט נישט ארויס דעם עין השם - די השגחה!

אבער דארף מען וויסן, אז דארטן וואו ס'איז דא 'סיבות' איז דארטן ליגט פארט 'השגחה', דאס איז די נסיון פון עקבתא דמשיחא! דאס הייסט 'שלימות אמונה'!

דארף מען זייער אסאך שרייען אויף אמונה, "גיב מיר אמונה, איך זאל נישט אנהענגען אין קיין שום סיבה, אין קיין שום דרך הטבע - כאטש איך טוה דער סיבה"!

איינער, ער האט אלדינגס צו עסן, ער האט כל טוב - (ואף על פי כן, אם אין הקב"ה עוזרו -) און קען נישט עסן, און קען נישט עסן! זאגט דער רבי: 'ועסקינו באלו הסיבות, צריך להאמין בהשם יתברך לבד, ולא לעשות מהסיבות עיקר'!

קומט דאך אויס אזוי, אז די וועלט איז א וועלט וואס איז מלובש נאר אין סיבות, - דאס איז וואס די שכינה הקדושה איז ממליץ פאר'ן אויבערשטן, אז דער אויבערשטער זאל זיי מקרב זיין צו זיך, ס'איז אזוי 'פאַרשטעלט', בגלוי זעהט מען נישט ארויס קיין שום נסים - בגלוי, איז עס פארשטעלט!

דער בארדיטשוב'ער רב האט געזאגט; אז דער גיהנם שטייט אין 'ראשית חכמה' - - - (מכאן עד סוף השיעור חסר, ולכאורה הכוונה על האימרה הידוע, שאלמלא היה העולם הזה ותאוותיו בתוך הראשית חכמה, ומסכת הגיהנם היה בתוכבי השוק, לא היו העולם חוטאים, אבל עכשיו שהגיהנם הוא מוסתר בתוך הראשית חכמה, והבלי עולם הזה מונח בחוצות ובשווקים, על כן הנסיון גדולה...).

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **יואל פליישמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **הערשל ליבערמאן** הי"ו
לאנדאן יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בנו החתן כמר יהושע משה ני"ו**
עב"ג בת מוה"ר **נתן פריעדמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**למזל טוב**

לזכות רפואת
**אברהם בן רבקה הענא**
בתושח"י
**נדבת חבריו שיחיו**

**~ זכות השיעור מוקדש ~**
לע"נ הרה"ח ר' **דוב** ב"ר **יקותיאל יודא** ז"ל פיש
נלב"ע ט"ז מנחם אב שנת תשנ"ח
**תנצב"ה**

לע"נ הילדה **פעשא רחל לאה** ע"ה בת מוה"ר **רפאל צבי אלימלך** הי"ו
י"ג מנחם אב תשע"ח
**תנצב"ה**